**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
“Kheshbon” / “Kheshbon”

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1957m9p8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Author**
Redaktsye

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# „חשבון"

דער יידישער היסטאָריקער, וואָס וועט וועלן פאָרשן און געניי זיך באַ־קאָנען מיט דעם יידישן קולטור מצב פון לאָס אַנגעלעס, פון די יאָרן 1946 און ווייטער, וועט מוזן אָנקומען צו די בלעטער פון דעם זשורנאַל „חשבון".

די סיבה איז אַ גאַנץ פשוטע:

לעת־עתה איז ניט פאַראַן דאָ, קיין אנדער קוואַל פון אינפאָרמאציע, וועגן די אַלע קולטור אַקטיוויטעטן, וועגן די אויפטואונגען און דערגרייכונגען פון אונדזער יידיש ריידנדיקן סעקטאָר.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, איז ניט פאַראַן ביי אונדז מערער, קיין איין יידיש־וועכנטלעכע אָדער חודשלעכע שריפט, וואָס זאָל אויפריכטיק און מיט חשיבות, רעפּרעזענטירן דאָס קולטור שעפערישקייט פון היגן יידישן ישוב.

„חשבון" האָט זיך גענומען די מי דאָס צו טאָן. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין דערשיינונג; און פון דעם ביסל וואָס ווערט געבראַכט, פון און פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט, ווערט דאָרטן, מער ווינציקער, פאַררעגיס־טרירט די טואונגען און די שעפערישקייט פון די מערסטע יידישע קולטור אָרגאַניזאציעס און אנשטאַלטן אין לאָס אנגעלעס.

בלעטערט איר דורך די ביז איצט דערשינענע פיר נומערן „חשבון" דערזעט איר פאַר זיך אַ שלל מיט קולטור כראָניק, אלגעמיינע ארטיקלען און לידער, וואָס זיינען באַהויכט מיט קאַליפאָרניע קאָלאָריט, און היגע יידישע סביבה׳דיקייט.

מיר ווילן ניט אויסרעכענען אַלע ביז איצט געדרוקטע מאַטעריאַלן, ס׳איז אָבער ווערט יאָ צו דערמאָנען אַז, אַזעלכע אַרטיקלען אין „חשבון" ווי „יידיש לעבן אין אַמאָליקן לאָס אַנגעלעס", „לאָס אנגעלעס און דאָס יידישע בוך", „ביורא פאַר יידישער דערציאונג", „יידישע פרעסע אין ל. א.", „די יידישע קהילה", „יידישער שול וועזן" און צענדליקע אַנדערע אינפאָר־מאַטיווע אַרטיקלען זיינען, בלי ספק, וויכטיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון אונזער היגן יידישן כלל לעבן.

ווי געזאָגט, האָבן מיר דאָ ניט קיין יידישע פּרעסע אין ל. א. און, די נ־יאָרקער יידישע פּרעסע קען פאַר אונדז, כלל, זייער ווייניק טאָן (זע אַרטיקל אין דעם נומער, „די יידישע פּרעסע אין נויאָרק און די פּראָווינץ") ווערט לכן, אַזאַ אויסגאבע ווי „חשבון" אַ מוז.

ס׳איז בלויז צום באַדויערן, וואָס די פירנדיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטור עסקנים, קענען נאָך ניט איינזען די וויכטיקייט, און אבסאָלוטע נוי־טיקייט פון אַזאַ אויסגאבע.

מיר ווילן דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז מיר פארמעסטן זיך בשום אופן ניט מיט די ליטעראַרישע זשורנאַלן, אין נויאָרק אָדער אַנדערשוואו, וואָס זיינען ספּעציעל פאַר ליטעראַטור און קריטיק. ניט דאָס איז די אויפגאַבע און ציל פון „חשבון". מיר ווילן אין די דאָזיקע יערליכע אויסגאבן, בלויז פאַראינטערעסירן און באַלויכטן די וויכטיקע קולטורעלע און ליטעראַרישע דערשיינונגען אין אונדזער היגן יידישן ישוב.

רעדאַקציע